STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01696

VU ZENEN MAYNE

Reuben Mandelboim

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וואו זענען
מיינע קינדער?!!

מעלאדראמע אין 4 אקטען

רעדאגירט פון ראובן מאנדעלבוים (מארסאלאוו)

אויפגעפירט צום ערשטען מאל אין ווארשע „טעאטער קאמינסקי"
אונטער דער רעזשי פון ה' פעניגשטיין.

פערלאג ש. גאלדפארב, ווארשא דזיקא 31

נעזעצט בא ראזענשטיין און קאזארנאווקי, נאלעווקי 49

פערזאָנען:

ד"ר אַלבערט נר מקין	ה' ראָזען
דאַניעל זיין זוהן	ה' טרילינג
ביטריס זיין אַסיסטענטין	פר. זילבערג
סאָפיע דעם ד"ר פּאַרלוירען ווייב	פר. לעווין
בענדזשאַמין פרומקין	ה' בערמאַן
פרענצעלע זיין ווייב	פר. ראָטשטיין
פורים פסח פסחאָוויטש	ה' פעניגשטיין
אסתר'ל זיין טעכטער'ל	פר. ליסקאָווסקאַ
מ"ר זאַלקינד	ה' ראטשיין
שפּיטאַל וועכטער	ה' מענדזשעלעווסקי

DRUK J. WAGMEISTER. NALEWKI № 7

ערשטער אקט

אַ קאַבינעט מיט פערשידענע דאָקטערשע אינסטרומענטען

אַ פ ר ו י. (אונטער די קוליסען). לאָזט מיך אריין, לאָזט מיך אַריין צו מיין מאַן...

ד י נ ע ר. (ביי דער טיר) מען קען יעצט נישט אַריין געהען, יעצט קומט פאָר די אָפעראַציע.

פ ר ו י. מיין אָרימער אומגליקליכער מאַן.

(אויפטריט ביטריס) אַך וועה איז מיר!

ד י נ ע ר. וואָס איז!...

ב י ט ר י ס. אין דעם פאַל האָט די מעדעצין נישט געקענט בייקומען דעם מלאך-המות. דער אָרימער מענש איז געשטאָרבען אונטערן מעסער...

ד י נ ע ר. די פרוי וואַרט אין קאָרידאָר דאָרט. וואָס זאָל איך איהר זאָגען?

ב י ט ר י ס. זאָגט דער פרוי דערווייל גאָר נישט! אוי ווער קען האָבען דאָס הארץ אָנזאָגען דער פרוי אַזאַ שרעקליכע בשורה ש—ש—ש... דער ד״ר געהט אַהער. (אויפטריט דאָקטאָר)

ד״ר פ ר ו מ ק י ן. מיין מיה איז געוועזען גאַנץ אומזיסט.

ב י ט ר י ס. די פרוי וואַרט אין קאָרידאָר וואָס קען מען איהר זאָגען?

ד״ר פרומקין. גאָט מיינער איך פיל מיך יעצט אַזוי
וויי איך וואָלט געוועזן דעם מאָנס מערדער...

ביטריס. אָבער ד״ר ווי קאָנט איהר אַזוי רעדען די אַנ-
דערע דאָקטוירים און אויך איהר האָבען זעהר ווענ-
האָפנונג געלעגט אויף דעם פּאַציענט.

ד״ר פרומקין. יאָ דאָס איז אמת, ער איז געוועזן
אונהיילבאַר. די מעדעצין האָט שוין דאָ גאָר נישט
געקענט העלפען. דער אומגליקליכער איז שוין באַפרייט
פון זיינע ליידען מען מוז אָבער דער פרוי דאָס מיט-
טיילען (צום דינער) נעמט אַראָב דעם אומגליקליכען פון
אָפּעראַציאָנס טיש. (דינער אָב)

ביטריס. איהר זענט זעהר נערוועאיש ד״ר איך אַליין
וועל שוין מיט איהר רעדען.

פרוי. (אונטער דער ביהנע) נאַרט מיר נישט זאָגט מיר וואָס
איז מיט מיין מאַן?!

ביטריס. בערוהיגט אייך ליבע פרוי געהט יעצט אַ היים.

פרוי. ניין! איך וועל נישט אַ היים געהן. איך וויל זעהן
מיין מאַן. דעם טאַטען פון מיינע 5 קינדערלעך... זאָגט מיר
וואָס איז מיט איהם?!..

ביטריס. ער איז שוין באַפרייט פון זיינע ליידען...

פרוי. (שרייט אויס) טויט! נישטאָ מער... מיינע אומגליקליכע
יתומים.

ביטריס. נו נו בערוהיגט אייך ליבע פרוי איר זענט נישט
די ערשטע און נישט די לעצטע געהט אַ היים און
זייט אַ מאַמע צו אייערע אומגליקליכע קינדערלעך. (פרוי
פערשווייגט) 5 פּיצעלעך קינדער נעבעך ווער וועט זאָרגען.
פאַר זיי יעצט?

ד״ר פרומקין. איך וועל זעהן פאַר זיי עפּעס צו טוען
(אין טעלעפאָן) העלאָ! גיט מיר 564... העלא מ״ר זאל-
קינד פליס איך בעט אייך שוין שיקען הילף אַ אָרימע
פרוי וועמענס מאַן ס׳איז היינט געשטאָרבען דאָ ביי אונז
אין שפּיטאָל אונטערין מעסער. ער האָט איבערגעלאזט אַ

פרוי מיט 5 קליינע קינדערלעך האָ?! די אדרעסע — ווי איז די אַדרעסע?

ביטריס. (מישט אין בוך) 384 ריווינקטאָן סטריט סאקאלאוו.

ד״ר פרומקין. 384 ריווינקטאָן סטריט סאָקאָלאָוו. אלזאָ ערלעדיקט. איך דאנק אייך זעהר. גוטביי...

אויפטריט פורים פסח. (שטעקט אריין דעם קאָפּ)

פּ. פסח. איז יעצט מיין נעקסט אָטשערעד?

ד״ר פרומקין. ווער איז דאָרט?

ביטריס. ענשולדיקט ד״ר איך האָב פארגעסען אייך צו זאָגן. א מאן מיט א מיידעלע וואַרטען דארט אין קאָרידאר ער זאָגט ער וויל זעהן נור דעם ד״ר אליין.

ד״ר פרומקין. רופט זיי אריין.

ביטריס. קומט אַריין מיסטער (זיי קומען אריין)

פורים פסח. נו דאַנקען גאָט זיך שוין א מאל דערוואַרט. קום אסתר׳ל האָב נישט קיין מורא. עך אנ׳ארימאן איז איבעראל איבריג אפילו אין שפּיטאל — א גוט איווינינג... כמיין א גוט מארגען... א גוט אוונט.

ד״ר פרומקין. קומט נעהנטער... זיצט...

ביטריס. קום מיידעלע א הער זעץ זיך דאָ מיט מיר.

ד״ר פרומקין. דאָס איז אייער מיידעלע?

פּ. פסח יא. מיין עלסטע — נאָך א קינד. נאָר שכל האָט עס א מיניסטער. געראטען אין מיר.

ד״ר פרומקין. נו זיצט.

פּ. פסח אנשולדיקט ד״ר ס׳איז מיר פינסטער אין די אויגן. איך זעה נישט ווי איך געה דאקטוירים זאגן אז עס קומט פון נערוויזיטעט... נאָר דאָס בין איך אייך מוחל... ענשולדיגט...

ד״ר פרומקין. איז אייער מיידעלע קראנק? וואס פעלט איר?

פּ. פסח. חלילה איר פעלט נאָר נישט נאָר א מאל עסען

אסתרל. ניין טאטעניו מיר פעלט נישט קיין עסען נאָר

מיר פעלט א מאמע!

ביטריס. אוי קינדעלע די ביסט נישט די איינציגע [illegible]
דיר פעלט א מאמע מיר פעלט אי א מאמע אי א טאטע...

פ. פסח. נא אסתר'ל וועסט דערווייל עפעס איבערכאפען.
נא דיר א שטיקעל ברויט מיט הערינג...

ביטריס. וואס גיט איר דעם קינד?

פ. פסח. זי איז א ציטעריגע ביי מיר איר הערצעלע קען נאך חלש'ן.

ביטריס. איך וועל איר שוין געבען אביסעלע ווארעמע מילך קום מיידעלע. (ביידע אב)

פ. פסח. איי א וואוילע שוועסטער לאנג לעבען זאל זי אין שפיטאל.

ד"ר פרומקין. וואס קאן איך טוען פאר אייך?

פ. פסח. כ'האב אייך נאך נישט געזאגט?

ד"ר פרומקין. (ביים בוך) ווי הייסט איר?

פ. פסח. פורים. פסח פייסעחאוויטש... אייגענטליך הייס איך נאר פסח נאר דעם פורים האט מען מיר צוגעזעצט ווען איך בין קליינערהייט קראנק געווען אויף א וויסטער קרענק. נאר אזוי ווי פורים געפאלט פאר פסח. לאז איך דעם פורים לויפן פאראויס. הייס איך פורים פסח פייסעחאוויטש.

ד"ר פרומקין. וואו וואוינט איהר?

פ. פסח. אין 227 אומגליקס סטריט.

ד"ר. פרומקין. ווא...?

פ. פסח. לעבען די צרות עוועניו...

ד"ר פרומקין. ווא זענט איהר געבוירען?

פ. פסח. אין בעט... כ'מיין אין שווארץ טימע בעלא-צערקווע קעשעניאווער גובערניע.

ד"ר. פרומקין. ווי אלט זענט איהר?

פ. פסח. ווי אלט בין איך? כ'וועל אייך זאגען דעם אמת, איך האב קיינמאל גישט געציילט מיינע יאהרען—די יאהרען

זענען דען מײַנע, גאָט גיט דאָך דעם מענשען די יאָהרען. צו וואָס-זשע דאַרף איך זיין אַ בוכהאַלטער ביי גאָט?...

ד"ר. פרומקין. ווייסט איהר גאָר נישט ווי אַלט איהר זענט?

פ. פסח. עפּעס ווייס איך יאָ. מיט 25 יאָהר צוריק בין איך בר מצווה געוואָרען.

ד"ר. פרומקין דאָס הייסט איהר זענט 38 יאָהר אַלט.

פ. פסה יאָ אין דעם ערך.

ד"ר פרומקין. ביי וואָס אַרבייט איהר?

פ. פסח. פריער איידער דאָס אומגליק האָט געטראָפען. און איך האָב נאָך ביידע הענד געהאַט, האָב איך געאַרבייט ביי אַ פּערעפּליאָטשיק — בוכבינדער.

ד"ר. פרומקין. וואָס פעלט אייך?

פ. פסח. אַ ווייב;!! כ'מיין אַמאַמע צו מײַנע אומגליקליכע קינדער.

ד"ר פרומקין. וואו איז דען אייער ווייב? געשטאָרבען?...

פ. פסח. יאָ געשטאָרבען... זי לעבט און איך מיט מײַנע קינדערלעך ליידען אַזוי ווי דאָס אומגליק האָט פּאַסירט און איך האָב אַ האַנד פאַרלוירען האָט זי זיך באַלד אָפּגעזוכט אַ צווייטען און אַוועק מיט אים.

ד"ר. פרומקין. אוי מיין ליבער, איהר זענט נישט איינאונאייבציג. פון אייך איז אַוועק אייער ווייב, און האָט אייך חאָטש איבערגעלאָזט אייערע קינדערלעך, פון מיר איז מיין ווייב אַוועק און צוגענומען מיין קליין מיידעלע. שוין 19 יאָר ווי איך זוך זיי אַרום.

פ. פסח. אויב אַזוי בין איך דאָך טאַקע נישט איינער. ווען פרייט זיך אַ קאַליקע ווען ער זעהט דעם צווייטען.

ד"ר. פרומקין. וואָס טוט אייך וועה?

פ. פסח. דאָס האַרץ. נישטאָ מער קיין האַרץ אַביסעל פון פאַבריק אַביסעל פון צרות. נאָר דאָס בין איך אייך מוחל... אויף דעם באַקלאָג איך מיך נישט — ווי איהר קוקט מיך אָן בין איך געזונד ווי אַ ריז... (פערהוסט זיך)

ד"ר. פרומקין. לאָזט איך וועל אייך אונטערזוכען.

פ. פסח. מ'שטיינס געזאָגט, וואָס איהר קענט שוין ביי מיי־

געפינען!!

ד"ר. פרומקין. מאכט א... (סצענע) פיה"ט איהר א וועהטאג דא?!!

פ. פסח. אביסל נידעריגער—נאך אביסעל נידעריגער,

ד"ר. פרומקין. אט א דא.

פ. פסח. אט אט איהר זענט שוין באלד דארט.

ד"ר. פרומקין. איך וועל אייך פארשרייבען א רעצעפט איר וועט עס נעמען 3 מאל א טאג נאך יעדען עסען.

פ. פסח. איך עס נאר איין מאל א טאג.

ד"ר. פרומקין. נו גוט איהר וועט נישט דארפען באצאהלען מ'ר פסח.

פ. פסח. פורים-פסח... אך צרות זענען גאר נישט אזוי שלעכט ווען עמיצער פילט זיי מיט.

ד"ר. פרומקין. איז דאס אלעס וואס איך קען טוען פאר אייך מ'ר פסח.

פ. פסח. איך האב אייך געוואלט בעטען מיין יונגער יונגעלע לייבעלע האלט אין איין קרענקען. האב איך אייך געוואלט בעטען, איהר זאלט זיך מטריח זיין און ארויף קומען צו מיר איהם בעטראכטען איך האב אפילו געוואלט מיט נע-מען מיט זיך, נאר איך קען זיי ביידע נישט פיהרען מיט איין האנד. און ווי פאר א-אייגענעם ברודער דערצעל איך אייך אז כ'האב פשוט נישט געהאט קיין געלד אויפ'ן טראמוויי

ד"ר. פרומקין. נו נו איך וועל שוין ארויף קומען צו אייך מ'ר פסח.

פ. פסח. יא נאך א קליין טובה-לע, דער ברודער אייערער איז דער ווירט פון דעם הייזעל ווי איך וואוין, איך האב צו איהם גאר נישט נאר ער צו מיר ער האט מיר נעכטען געשיקט א צעטיל אז איך זאל איהם באצאלען דירה געלד ווען נישט זאל איך זיך ארויס קלייבען און איך קען ביידעזאכען נישט-באהויפטען. נישט איך קען איהם באצאלען נישט איך קען זיך ארויסקלייבען. האב איך געוואלט בע-טען, אז איהר זאלט מיט איהם רעדען ער זאל מיר אויפ-

וואַרטען אַ שטיקעל צייט האָטש ביז איבערן ווינטער און זומער אַ 8—10 חדשים עס וועט וואַרים ווערען כ'וועל זיך פיהלען בעסער וועל איך אפשר געהן אַרבייטען, און אַז איך וועל פאַרדינען וועל איך איהם באַצאָלען.

ד"ר. פרומקין. אָט רייט מ'ר פסח. איך וועל זעהן פאַר אייך עפּעס צו טוען.

(אויפטריט ביטריס מיט אסתרלען.

אסתר'ל. אוי פּאַפּעלע זי איז אַזאַ גוטע שוועסטער, זי האָט מיר געגעבען אַ פלעשיל מילך פאַר אייבעלען.

פּ. פסח. מען זעט אָן אַז זי איז אַ גוטע שוועסטער לאַנג לעבען זאָל זי אין שפּיטאָל... קום אסתר'ל דער הער ד"ר האָט מיך שוין געזונד געמאַכט.

ד"ר פרומקין וואַרט אויס מ'ר פורים-פסח, דאָ האָט איהר אַ פּאָר דאָלאַר וועט...

פּ. פסח. חלילה הער ד"ר נדבות נעם איך נישט ווען איך זאָל וועלען נעהמען נדבות, האָט אַבלינדער מיט מיר געוואָלט שותפות מאַכען איך זאָל איהם פיהרען אין די הייזער אַ גוטען; (ער און מיידעלע אָב)

ביטריס אַ גוטען טאָג! (פויזע) אַ צעבראָכענער טאַטע, אַנ-אָרימער טאַטע דאָך אַ טאַטע... דאָך האָבען זיינע קינדער אַ בעשיצער. ביטער איז נאָר די קינדער וואָס בלייבען אַליין אויף דער גרויסער וועלט און ווייסען אפילו נישט וועמען זיי געהערען...

ד"ר. פרומקין. נישטאָ קיין פּאַציענטען מער?

ביטריס. ניין ד"ר.

ד"ר. פרומקין (סצענע) ער האָט מיך דערמאָנט אין מיין גרויס אומגליק אין מיין מיידעלע, איין טרייסט איז מיר געבליבען מיין דאניעל. איז נישט היינט דאָ געוועהן מיין דאניעל?

ביטריס ניין! עס איז מיר אַ וואונדער וואָס ער האָט נישט היינט בייגעוואוינט די אפּעראַציע?

ד"ר. פרומקין אה ער איז דאָך שטאַרק פאַרנומען מיט זיינע

עקזאַמענס ער וועט שוין אייגענטליך אין גיכען זיין אַפּאָלי־
קאָמענער דאָקטאָר.

בּיטריס. אָ איך בּין גליקליך...

ד״ר. פרומקין. וואָס עפּעס פרייט איהר אייך אַזוי?...

בּיטריס. ע—ע—עיאָ דאָקטאָר, איך מיין: (מען הערט שרייען אין קוליסען) אויפטריט בּענדזשאַמין פרענצעלע

בּיידע. אַ קלאָג האָט אונז געטראָפען!

בּיטריס. וואָס איז געשעהן?

בּענדשאַמין. מיין זון מיין בּוי מיין לויפּער, איז היינט פריה אַרויסגעפאָהרען מיטן אויטאָמאָביל וואָס כ׳האָבּ איהם געקויפט, און איז נאָך בּיז יעצט נישט צוריק גע־קומען און מען האָט מיר טעלעפאָנירט אַז מיט איהם איז אַ אומגליק געשעהן. אפשר האָט מען איהם געבּראַכט אַ פערוואונדעטען צו דיר אין שפּיטאָל.

פרענצעלע. אַזאַ אומגליק, אַזאַ אומגליק, איך האָבּ איט געבּעטען; בּענדזשאַמין מען דאַרף נישט קויפען קיין אוי־טאָמאָבּילקעס האָט ער מיך נישט געוואָלט פאָלגען און יעצט גאָט ווייסט, וואָס מיט איהם איזגעשעהן.

(סצענע שלאָפט איין)

בּענדזשמין. אוי בּרודער איך זאָג דיר איידער מיט איהם זאָל עפּעס געשעהן, זאָל בּעסער די מאַמע זייבע מיטן קאָפּ אָנלייגען, אַז זי גיט איהם נאָך די שמד אַז איך שריי זאָל ער געהן אַרבּייטען אין פאַבּריק אַריין, וואָס איז ער, וועט זיך אויסשמירען די הענד? מיט מושטאַרדע אַזאַ שטיק פאַרדאַרטער וואורשט אַרוח דיר אין... נו וואָס טוט מען יעצט...

ווי לויפט מען אַרום איהם זוכען, ווער ווייסט אפשר האָט מען איהם געבּראַכט אין מתים שטיבּעל אַריין.

ד״ר. פרומקין איי בּרודער שרעקסט זיך אומזיסט איהם איז גאָר נישט געשעהן. ער איז אַרויף געקומען צו מיר בּאַלד נאָך דעם פאָרפאַל אַ דערשראָקענער און האָט מיר

אלץ דערצעהלט. ער איז אונפארזיכטיג אַרויף מיט דעם אויטאָמאָביל אויף אַ עלעקטרישען סטאָלב און די מאַשין איז צוקלאַפּט געוואָרען. ער האָט זיך דערשראָקען. איז אַנטלאָפען און איבערגעלאָזט די מאַשין אויפ'ן פלאַץ. און יעצט האָט ער מורא אַ היים צו קומען צו אייך

בענדשאַמין אַזוי גאָר! אוי אַ רוח אין זיין... אַזאַ שטיק פאסטראמע וואו איז ער! האַלואי וואָלט ער דעם קאָפּ צוברעכען איידער די מאַשין אַזאַ ממזר זאָל ער נאָר אַ היים קומען ער וועט שוין ביי מיר עסען מושטאַרדע—פרענ־צעלע (וועקט זי) פרענצעלע נו שוין נאַ אָט האָסטו אַ מאנדערינקע.

פרענצעלע (האַפּט זיך אויף סצענע) גו וואָס הערט זיך? קום אַ היים איך האָב מורא אַז מיט איהם איז געשעהן אַ אומגליק.

בענדשאַמין אַך דו נאַרישע שטיק פאסטראמע ער האָט דאָך נור דעם אויטאָמאָביל צעבראָכען, אָבער ער איז גאַנץ געבליבען. אַ רוח...

פרענצעלע אוי איך חלש (סצענע מען ראַטעוועט זי)

בענדזשאַמין ברודער ראַטעווע זי—נאַ דיר אַ מאַנדערינקע.

פרענצעלע שוואָגער לעבען גיט מיר עפּעס אַ רעצעפּט איך זאָל קענען שלאָפען איך קען נישט שלאָפען גאַנצע נעכט.

ענדזשאַמין יאָ ברודער גיב איר אַ רעצעפּט זי זאָל אַנשלאָפען ווערען איינמאָל אויף אַלע מאָל.

ד"ר. פרומקין איר וועט עס נעמען 3 מאָהל אַ טאָג (צו בענדזשאַמין) יאָ איך האָב פאַרגעסען איך האָב דיר עפּעס געוואָלט בעטען. ביי דיר אין הויז, וואוינט איינער עך פערגעסען זיין נאָמען אַ יום-טובדיגען נאָמען.

בענדזשאַמין אַ יום-טובדיגען נאָמען — צום-גדליה — ל"ג־בעומר—ראש-השנה—יום-כפור נו סכות אויך נישט?!

ד"ר פרומקין עה פורים - פסח: ער איז נעבעך זייער אָרעם ער האָט מיר געבעטען איך זאָל דיר בעטען דו זאָלסט

איהם וואַרטען מיט'ן דירה-געלד—וויפיל קומט דיר ביי איהם יועל איך דיר פאַר איהם באַצאָהלען.

בענדזשאַמין נו און איך אַליין בין דאָס קראַנק צו טוען. נו עס איז שוין גוט. אַזאַ שטיק פאַרדאַרטע פאַסטראַמע מיך אַליין איז ער קראַנק געווען צו בעטען. נו ס'איז שוין גוט—פרענצעלע נאַ דיר אַ מאַנדערינקעלע קום אַ חיים (סצענע געהןביידע) אָ פריי-לען ביטריס אַ וואויל שטיקעלע ווורשט.

פרענצעלע נו קום שוין.

בענדזשאַמין איך געה איך געה (ביידע אָב)

ד"ר. פרומקין איך געה אַרויף צו מיר אין קאַבינעט אויב וועט מיך דאַרפן רופט מיך—יאָ און זאָגט מיין דאַניעל'ן אויב ער וועט קומען אַז איך בין ביי מיר. (אָב). (בינע דונקעל)

ביטריס אָלרייט! דאַניעל ווי ליבליך ער איז צו מיר נור אַזוי ווי אַ ברודער. היינט האָט ער מיר פערשפּראָכען צו קומען. ער האָט מיר עפּעס וויכטיגס צו זאָגען. אַזוינס וואָס וועט מיר פרייען איבעראַשען עס וואונדערט מיך זעהר וואָס קען דאָס זיין?

אויפּטריט דאַניעל (סצענע) ווער איז עס? איהר האָט מיך דערשראָקען (מאַכט ליכטיג)

דאַניעל. איהר האָט מיר נישט דערקענט, אַנטשולדיקט מיר ביטריס איהר זעהט איך האַלט וואָרט און בין געקומען וואו איז פּאַפּאַ?

ביטריס. אין זיין קאַבינעט, זאָל איך איהם רופען?

דאַניעל. ניין, ניין, אַז מיר זענען אַליין וויל איך מיט אייך עפּעס רעדען וויכטיגס. ביטע זיצט און הערט מיך אויס. באַלד וועל איך באַקומען מיין דיפּלאָם אַלס ד"ר

ביטריס. עס פרייט מיך זעהר...

דאַניעל. איך וואָלט וועלען אַז איהר מיט ביטריס זאָלט זיין ביי מיר אַ... ע... איך מיין...

ביטריס. נו זאָגט שוין. אַ איר מיינט אַז איך זאָל זיין ביי אייך אַנ׳אַסיסטענטין אַ שוועסטער?

דאַניעל. יעס... ניין דאָס הייסט... איך מיין אַז...

ביטריס. אָבער ווי קען איך אוועק געהן פון אייער פּאַטער נאָכדעם וואָס ער האָט פאַר מיר אַזוי פיעל גוטס געטון. ער האָט מיך אריין גענומען צו זיך אַהער און פאַר מיר אַזוי פיעל גוטס געטון...

דאַניעל. איך וועל פאַר אייך גאָך מער טון מיס ביטריס...

ביטריס. ניין ניין, דאָס קען איך ניט.

דאַניעל. איר מוזט.

ביטריס. ניין, אייער פּאַטער וועט עס נישט ערלויבען.

דאַניעל. ער וועט מוזען ערלויבען.

ביטריס. וואָס מיינט איר?...

דאַניעל. איך ווייס נישט ווי אַזוי איך זאָל אייך זאָגען— איך מיין נישט אַז איר זאָלט זיין ביי מיר אַנ׳אַסיסטענטין אַ שוועסטער...

ביטריס. נישט אַ שוועסטער? וואָס דען פאַר אַ פּאָסטען קען איך האָבען וואָס דען פאַר אַ שטעלע קען איך ביי אייך פאַרטרעטען?

דאַניעל. די העכסטע שטעלע וואָס אַ יונגערמאַן קען געבען אַזאַ מיידעלע ווי איר זענט. מיס ביטריס. איך וויל... אַז איהר זאָלט פאַרטרעטען די שטעלע פון דער ווייבעלע...

ביטריס. אָ איר שפּאַסט מיט מיר?...

דאַניעל. זאָל מיך גאָט שטראָפען, מיס ביטריס איך בין זיכער אַז איר האָט שוין לאַנג איינגעזעהען אַז איך בין נישט גלייכגילטיג צו אייך. מיס ביטריס איך ליב אייך. און מיין גרעסטע אויפגאַבע איז אייך גליקליך צו מאַכען.

ביטריס. ניין ניין איך קען מיך נישט פאָרשטעלען אַזאַ גליק. איר ד״ר אַלבערט-פרומקינד׳ס זוהן. אייער פּאַטער

ווען דאָס נישט ערלויבען אַז זיין איינציגער זוהן זאָל נעמען אַ מיידעל פון בית-יתומים.

ד א נ י ע ל. גלויבט מיר אַז איך מיין עס גאַנץ ערענסט. אין דער היינטיגער מאָדערנער וועלט וויל מען נישט וויסען פון אזעלכע זאַכען. וואָס אַרט מיך ווער דיינע עלטערען זענען געווען. איך ווייס נאָר אַז זיי האָבען געקענט האָבען אַזאַ קינד ווי דו ביזט דאַן זענען זיי געווען, נוטע און עהרליכע מענטשען. און זאָגאַר ווען מיין פאָטער זאָל נישט וועלען בין איך בענוג מאַן צו האַנדלען נאָך מיין אייגענעם פערשטאַנד... ביטריס טייערע פון היינט אָן און ווייטער בלייבט אונזער בונד געשלאָסען פאַר אימער אין עוויג.

ב י ט ר י ס. ניין ניין איך בעט דיך נאָך נישט יעצט גיב מיר אַ געלעגענהייט צו זוכען מיינע עלטערען איך וויל חאָטש וויסען ווער מיינע טאַטע מאַמע זענען געווען.

ד אַ נ י ע ל. אָבער ווי אַזוי קען מען דאָס אויסגעפיגען?

ב י ט ר י ס. איך טראָג אויף מיין האַרץ אין אַ מעדאַליאָן איר בילד מיין מוטערט בילד אַזוי האָט זי אויסגעזעהן מיט 19 יאָהר צוריק (וויינט)

ד אַ נ י ע ל. (נעמט דעם מעדאַליאָן) אַך וואָס פאַר אַזעלטענע ענלעכקייט. נא און פון דיין פאָטער האָסטו נישט קיין שום בילד?

ב י ט ר י ס. ניין! אה ווי איך וואָלט געוואָלט זעהן ווי מיין פאָטער האָט אויסגעזען!

ד א נ י ע ל. דאַן וועלען מיר נעמען דיין מוטערס בילד פערעפענטליכען עס אין אַלע צייטונגען און אויב זי לעבט ווערט זי זיך געוויס אָנריפען.

ב י ט ר י ס. ווי גוט איר זענט צו מיר, מיט וואָס זאָל איך אייך פאַר דעם אפדאַנקען:

ד א נ י ע ל. מיט דעם איינשטימען צו ווערען מיין פרוי (טעלעפאָן קלינגט.) (אויפטריט דינער)

דאניעל. (ביים טעלעפאָן) העללא יעס וואָס? אנאמבולאנס? אין דריטע סטריט (דינער אָב)

ביטריס. אַ שרעקלעכע געגענד צענדליגער אומגליקן פּאַסירט דאָרט יעדען טאָג אין יענעם סטריט.

דאניעל. זאָל איך רופן פּאַפּאַ?

ביטריס. ניין, ניין, פיליי‌כט איז עס נישט קיין ערנסטער פּאָרפאַל וועל איך עס אַליין ערלעדיגען. הער ד״ר מאַכט זיך גוצלעך (סצענע פּאָרעט זיך) אַ שיסעל וואַסער — באַנ- דאזשין — יאָדאָפאָרם — קארבאליקום — וואַטע — דאַכט זיך אַלץ פערטיג.

סצענע
עס הערט זיך קלינגען פון אמבולאנס 2 שפיטאָל וועכטער פירן ארײַן סאפיע אצושלאָגענע. זי איז שכור רײַסט זיך פין זײַערע הענד שרײַט ווילד.

סאפיע. לאָזט מיך, לאָזט מיך נעמען נקמה, אין מײַן מער דער.

דאניעל. (זעצט זי אוועק) נו, נו, לעדי באַרוהיגט אײַך אויב נישט קענט איר שטאַרבען.

סאפיע. ניין נאר נישט שטאַרבען, לעבען און נעמען נקמה אין מײַן פערפירער איך וויל לעבען, נאָך איינמאָל חאָטש זעהן מײַן יונגעלע, דאַן קען איך שוין שטאַרבען.

ביטריס. מען דאַרף רופען דעם פּאַפּאַ: (אין שטוב טע- לעפאָן) העלא הער ד״ר אַשרעקלעכע אומגליקס פאַל קומט זאפּאַרט. (אויפטריט ד״ר פרומקין)

דאניעל. אַ זעלטענער טיפּ פון אַ פרוי זי האָט אויף מיר געמאַכט אַ שרעקלעכען איינדרוק. ווי צושלאָגען זי איז און ווי שכור.

סצענע
דאקטאר וואשט איר אָפּ דאָס פּנים זי לאָזט זיך נישט שרייט טרע- פען זיך פּנים צו פּנים דערקענען זיך.

ד״ר פרומקין. (שרײַט) סאָניע

סאפיע. אלבערט!

ביטריס. (מורמעלט) מוטער פאזיציאן פאַרהאַנג.

ענדע ערשטער אקט.

צווייטער אַקט

דאָס זעלבע צימער ביים ד"ר פרומקין.

אויף דער בינע ד"ר פרומקין (רעדט פאַר זיך.)

ד"ר פרומקין. גאָט מיינער איז עס מעגליך זי סאפיע? ענדליך נאָך אַזוי פיל יאָרען איז זי אַרויפגעשווימען און אין וועלכען צושטאַנד... יענער אבענד געהט מיר גאָרנישט פון די געדאַנקען אַרויס, זי האָט מיך אויך דערקענט... אין דער פאַר די לעצטע פאָר טעג זעה איך זי דאָ אַרום דרייען אַרום מיין הויז, גאָט מיינער זי וויל געוויס מיין דאניעלען זעהן. ניין דאָס טאָר נישט גע-שעהן, ער ווייסט, אַז זיין מוטער איז טויט און טויט זאָל זי פאַר אים בלייבען.

אויפטריט דאניעל. העלא פאַפאַ! גאַנץ אַליין? און ווי איז ביטריס?

ד"ר פרומקין. זי איז געוויס אויבען ביי זיך, זי איז עפּעס נישט ווי געוועהנליך. זי איז טרויעריג, אפשר האָט מען זי דאָ בעליידיגט...

דאניעל אָבער פאַפאַ, ווי קענסטו אַזוי דענקען, ווער וועט ביטריסען דאָ בעלײדיגען?

ד"ר פרומקין. איך קען טאַקע נישט פאַרשטיין וואָס מיט דעם מיידל איז? זייט יענעם אבענד מיט דעם פאַרפאַל

מיט דער פרוי איז זי אין גאַנצען אַ אַנדערע געוואָרען,
וואָס זאָל דאָס האָבען אויף איר אַזוינס געווירקט?

דאַניעל. קען איך אַרויף געהן זי זעהן?

ד"ר פרומקין. געה מיין זון, (דאַניעל אב) (ד"ר פרומקין קלינגט מיטן טיש גלעקיל).

אויפטריט דינער. האָט איר היינט אויך באַמערקט די פרוי זיך דאָ אַרום דרעהען?

דינער. איך האָב זי היינט אַגאַנצען טאָג נישט געזעהן. נאָר דער הויז-וועכטער האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט זיך געוואָלט אַריין קריגן אין הויז. נאָר ער האָט זי נישט געלאָזט. ווען ער האָט עס מיר געזאָגט, בין איך באַלד אַרויס געלאָפן זי זיכען נאָר שוין נישט זי געפינען.

ד"ר פרומקין. געדענקט! טאָמער דערזעהט איר זי דאָ האַפט זי און שליסט זי איין אין אַבעזונדערען קאַמער; נישט צווישען די קראַנקע, און האַלט זי דאָרט ביז איך וועל צוריק קומען קיינער דאַרף דערפון נישט וויסען, מיין הוט און ראָק איך געה אַוועק, (אב ביידע) אויפט ביטריס דאַניעל)

דאַניעל אָבער ביטריס הער מיך אויס?...

ביטריס. דאַניעל רעד נישט מער דערפון... איך בעט דיך רעד נישט מער דערפון איך טאָר נישט. איך קען נישט דיין קאַריערע צושטערען.

דאַניעל. מיין אָרימע ביטריס איך זעה אז די לעצטע צייט ביזטו עפּעס אין גאַנצען פער'ענדערט געוואָרען, איך באַמערק אז דו טראָגסט עפּעס אַ געהיימניס אין דיין האַרץ; זאָג בין איך דען נישט דיין איינציגער פריינד פאַר וועמען דו קענסט אַלעס אָנפערטרויען, פאַר וואָס דערציילסטו מיר נישט? פאַר וואָס פּלאָגסטו זיך אַליין? זעה זייט יענעם אומגליקס פאַל ביזטו אין גאַנצען פערענדערט געווארען... זאָל איך גלויבען אַז דער פאַל מיט דער שמוציקער געשמינקענער פרוי האָט דיך...

ב י ט ר י ס דאַניעל שמייך זי נישט... דען זי. זי איז נישט קיין געזונקענע...

ד אַ נ י ע ל. ווי דען זאָל איך דאָס אָנרופען אַ געזונקענע פרוי פון דער אונטערשטער וועלט וועלכע איז אַ שאנד און שפּאָט פאַר דער געזעלשאַפט... לויט די פּראָטאָקאָלען פון דער פּאָליציי איז זי שוין פיעל מאָל געווען אַרעסטירט פאַר גנבה.

ב י ט ר י ס. אָה ווי שרעקליך... דאַניעל געה אוועק פון מיר, דו טאָרסט נישט מיט מיר חתונה האָבען... ווייל די גנבטע.. די געזונקענע איז מיין מוטער...

ד אַ נ י ע ל. ביטריס דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט..

ב י ט ר י ס. יאָ, זי איז מיין מוטער איך האָב זי דערקענט, ווען דער דאָקטאר האָט דאָם בלוט פון איר פּנים אָפּגעוואַשען: אָה דאַניעל איך בין אומגליקליך... דער געדאַנק אז איך בין געווען אַ יתומה האָט מיך נישט אַזוי געמוטשעט, ווי דער געדאַנק אַז איך בין דאָס קינד פון אַזאַ... אַזאַ... (וויינט)

ד אַ נ י ע ל. נו בערוהיג זיך טייערע... עס קען זיין אַז דו האָסט געהאַט אַ טעות.. דער איינציגער בעווייז וואָס דו האָסט איז דאָס קליינע בילדעלע וואס דו טראָגסט אויף דיין האַלדז: און דאָס איז דאָך שוין מיט אַזוי פיעל יאָהרען צוריק! ווי אַזוי קענסטו זאָגען מיט אַזאַ זיכערהייט אַז דאָס איז דיין מוטער?

ב י ט ר י ס. איך בין זיכער... זיכער דאַניעל... דו האָסט דאָך אויך געהאַט אַ מוטער?...

ד א נ י ע ל. ניין... איך האָב מיין מוטער אַזוי יונג פערלוירען גראָדע אַזוי ווי דו איך שטעל מיר אָבער פאָר אַז מיין מוטער איז געווען, אַ שיינע אַ עדעלע גוטע פרוי. און ווען איך קוק ביטריס אַריין אין דיינע אויגען, דאַכט זיך מיר אַז איך קוק אין די ריינע צאַרטע אויגען פון מיין מוטער.

ב י ט ר י ס. דו זעהסט דאַניעל זאָגאַר אין די עראינערונגען פון דיין מוטער מאָלסטו דו זיך שוין איר בילד פאַר דיינע אויגען... דאַניעל געליבטער... נישט אַזוי? ביי אַזאַ פינד-

לינג ווי איך בין קען זיך אויף אַמאָל ערוועקן אַ געפיהל צו וועלען זעהן איהר מוטער... דאַניעל העלף מיר נאָך איין מאָל זיך צו טרעפען מיט איהר... מיט מיין מוטער. איך שווער דיר אַז איך, וועל דיין דינסט... דיין שקלאַף זיין לאָז מיך נישט אַרויס געהן מיט דעם געדאַנק, אַז איך האָב אליין פאַרשטויסען פון זיך מיין מוטער... זעה צו דיינע פיס פאַל איך (וויינט קניעט).

דאַניעל. ביטריס אומגליקליך קינד.. איך וויל דיין ביטע ערפילען ווי שווער עס זאָל מיר נישט זיין... איך ווייס אָבער אַז דאָס צוזאַמען טרעפען זיך מיט איהר וועט דיר פיעל שמערצען פערשאַפען.

ביטריס. דער וועהטאָג וועט אָבער זיין נאָך ברעסער ווען איך וועל זי נישט קענען מעהר זען... זאָג מיר צו אַז דו וועסט זי קענען אויפזוכען — און זי ברענגען צו מיר.

דאַניעל. איך שווער עס דיר מיין טייערע.

ביטריס. איך דאַנק דיר גוטער עדלער מענש (אומאַרמען זיך)

אויפטריט פורים פסח. (סצענע). (ביטריס אָב). (פורים־פסח קלאַפּט)

דאַניעל. קאמין... קאמין... (ער קומט אַריין)

פורים־פסח. מען קען שוין? מען קען שוין, אַריין קומען? איהר וועט מיר אַנטשולדיגען וואָס איך בין אַריין אומגעקלאַפּט.

דאַניעל. עס מאַכט נישט קומט נעהנטער זיצט, איהר ווילט געוויס זעהן מיין פאָטער?

פ. פסח. אַזוי ווייזט עס אויס...

דאַניעל. אַזוי ווייזט עס אויס? וואָזשע איהר זענט נישט זיכער מיט דעם..

פ. פסח. וואָס איז מען דאָ אין אַמעריקא יאָ זיכער? דאָ איז מען נישט זיכער מיט'ן ווייב מיט די קינדער... מען איז אַפילו נישט זיכער אַז מען לייגט זיך די נאַכט שלאָפען צי מען וועט אין דער פריה אויפשטעהן...

דאַניעל. נו דאָס איז מען אין קיין לאַנד נישט זיכער.

פ. פסח. יאָ נאָר דאָ אין אַמעריקא נאָך ווייניגער ווי אומעטום:

אָס הערט וואָס אין דעם אַמעריקא קען זיך פּערלויפּען,
מיט עטליכע יאָהר צוריק בין איך קראַנק געוואָרען און
האָב בעדאַרפט האָבען אַנ׳אָפּעראַציע אין בויך אַקיצור מען
האָט מיך אַוועקגעלעגט אויף אַ טיש און מען האָט גענומען
שניידען טראַכט איך מיך שניידט אַבי מיך האַרט נישט;
אויפ׳געשניטען פערנעהט און איך בין שוין פאַרטיג צו
געהן אַהיים—איך לאָז מיך געהן. גיט אַ ד״ר מיט קליינע
רויטע וואָנסעלעך אַ געשריי סטאָפּ... בין איך שטעהן געב-
ליבען מעהר טויט ווי לעבעדיג. וואָס איז געשעהן? דער
ד״ר האָט ביי מיר אין בויך פאַרגעסען אַ שעריל... אַקיצור
מען האָט מיך גענומען צוריק אַוועק געלעגט אויף דעם
טיש און מען האָט דאָס צוגענייטע צוריק אויפגעטרענט,
און מען האָט געזוכט און געזוכט און מען האָט קוים גע-
פונען ליגען דאָס שעריל אין דער לינקער זייט געגען אי-
בער די רעכטע; צוריק פאַרנעהט און איך לאָז מיך ווי-
דער געהן. ווידער אַ געשריי סטאָפּ!. וואָס איז שוין ווייטער?
עס פעהלט נאָך אַ צווענגעל; און מען וויל מיך ווידער אַ-
וועק לייגען צום שניידען... ניין זאָג איך הער ד״ר מאַכט
עס אויף זאַטצשאַסקעס וועט איהר פערשפּאָרען נייען און
טרענען, און איך האָב מיך נישט געלאָזט דאָס צווענגעל
אַרויסנעמען. און טאַקע דערפאַר אַז איך עס נישט אַ פּאָר
טאָג צופּט עס מיך אין מאָגען אַפּנים דאָס צווענגעל ציפּט.

דאַניעל. האָט איהר נאָך עפּעס צו פערלאַנגען? איהר האָט
דאָך געוואָלט זעהן מיין פּאַטער!

פּסח. יאָ זעהט איהר עיקר־שכחתי: שוין 11 יאָהר ווי ביי
מיר אין הויז האָט נישט איבערגענעכטיגט אַפרוי שוין 11
יאָהר ווי אונטער מיין דאַך נעכטיגט נישט קיין אשה.
היינט אין אָבענד וויל איך אַראָב געהן אין קלייטעל קויפען
פּאָר מיין אייבעלען אַביסעל מילך, און ביי מיר אויף די
טרעפּ פינסטער! מחמת איך האָב מיך צוקריגט מיט דער
גאַז געזעלשאַפט. הערט אַ חוצפה פון זיי, גיב זיי געלד;
אַז איך האָב נישט, האָבען זיי מיר צוגעמאַכט דעם גאַ-

זאָמעטע' און עס איז פינסטער. אַ קיצור איך גיי אין דער פינסטער פלוצלינג טרעט איך עפּעס אויף אַ ווייכע זאַך. איך רייב אָן אַ שוועבעלע, זעה עס ליגט אַ אשה! זעהט אויס ווי שכּור; און האָט נישט געהאַט ווי צו געהן שלאָפען. איז זי פערקראָכען צו מיר אויף די טרעפּ. נו יאָ שלימזל ווי קריכסטו צום אָרימאַן, איך האָב רחמנות געקריגען אויף איר און זי אַריין גענומען צו זיך א'ה־ געגעבען אַ געלעגער אַביסעל זי אָנגעוואַרעמט... און מען האָט זיך צורעדט; האָט זי מיר דערציילט אַז עפּעס אַקוואַ־ טיראַנט האָט זי אָפּגענאַרט און פערפירט: יאָ אַזוי זענען זיי די קוואַטיראַנטען, פערדינגט זיי אַ צימער.. נאָכדעם ווערען זיי בעל־בתים איבער די גאַנצע דירה — און רע־ דען נאָך דערנאָך אָפּ דאָס ווייב האָב איך אַ שוואַרץ יאָהר גענומט איך די דירה לאָזט האָטש איבער דאָס ווייב.. ניין!... אוי אַמעריקא גנב. שעהן זעהט דאָ אויס. אַ קיצור זי האָט מיך געבעטען איבערגעבען א בריוועלע צום ד"ר פרומקין.

דאניעל פאר מיין פּאפּא? וואו האָט איר דאָס צעטעלע?

פּסח. איך האָב עס... איך האָב עס געוויס געלאָזט אין דער היים. א אט איז עס. גיט עס איבער אייער פּאָטער נאָר באַלד ווי ער וועט קומען. אנטשולדיקט וואָס כ'האָב ביי אייך צוגענומען צייט: אויב איהר ווילט קען איך אייך נאָך דערצעהלען מעשיות פון אמעריקא גנב.

דאניעל. איך דאנק אייך כ'האָב קיין צייט (אב)

פּסח. איך האָב עס עקסטרא אים דערצעלט ווייל ער איז זיין פאטער זעגען אמעריקאנער ד"ר. אוי אמעריקא גנב

זינגט אמעריקא גנב

ווער נאָר פון יוראפּ קיין אַמעריקא פאהרט.
ווייסט אז אמעריקא רופען מיר דארט;

(אמעריקא גנב) ביס.

א שווארצער א געלער, צו רויט צו סאטין:
וואָס זיין קאליר זאָל נישט זיין ווערט ער דארט גרין
א. ג.

קוים האָט ער נאָר געלד לאזט מען אים באלד אריין:
אין קוים האָט ער קיין געלד נישט שיקט מען אים
באלד א היים!

ס'איז אמעריטשקע ברודער דו זאלסט טאקע וויסען זיין:
א. ג.

א כלל ס'איז א צרה א קלאג.
ס'איז טאקע נאָר ווי איך זאָג:

רעפריין

אוי אמעריקא גנב אמעריקא גגב. ביסט אין דער ערד:
וואָס מען זעהט אין וואס מען הערט איז אלעס
דארט פארקערט.

די מענער זיי זענען קיין מענער נישט
אין די ווייבער זיי זענען קיין ווייבער נישט
אין די מיידלעך. — יאָ די מיידלעך. (פּראזע) ווייס
איך וואָס ?!!!

ס'איז אמעריקא גנב אין ס'טויג דאָך גיט אין דער
ערד'

II.

די ווייבער זיי האָבען די מענער אין ד'רערד.
די מענער זיי בייטען די ווייבער ווי פערד.

(ס'איז אַמעריקע גנב ביס.

מען האָט נישט קיין מורא פאַר גאָט און פאַר זינד!

אַ טאַטע איז קיין טאַטע און אַ קינד איז קיין קינד:
א. ג.

קוים הייראַטסטו דאָרטען אַ מיידעל מיט געלד
אַ כשר—ה צנועה דאָס פנים פאַרשטעלט.
ברענגט זי אייך אויף מאָרגען אַ קינד אויף דער וועלט
א. ג.

אַ כלל ס'איז אַ צרה אַ פלאָג.
ס'איז טאַקע נאָר ווי איך זאָג. (רעפריין) א. ז. װ.

III.

אין א חוץ אָט דאָס אַלעס ווען ביי אַלע פייפט דער דלות
פערפלייצט ער די וועלט מיט זיין גאַנצען געלד
(אַמעריקע גנבּ) ביס
קוים ווילסטו אַהין פאַרפאָהרען איז אַ קלאָג צו
דיינע יאָרען
מוזט האָבען שיפס-קאַרטען און די קוואָטע אָבוואַרטען
א. ג.
ביים קאָנסול אָבוואַרטען און שטיין גאַנצע טעג.
און קוים האָסטו אַ באַבע נאָגיל ווייזט מען דיר
צוריק דעם וועג
און עס העלפט נישט קיין בעטען און מוזט
באַלד אָבטרעטען א. ג.
אַ כלל ס'איז אַ צרה אַ פלאָג
ס'איז טאַקע נאָר ווי איך זאָג. רעפריין א. ז. װ. (אָב)

(עס הערט זיך סאָפּיעס שטימע) לאָזט מיך! לאָזט מיך אַרויס!...
(אויפטריט דאַניעל ביטריס דינער פון פערשידענע טירען)
דינער. דער הער ד"ר איז נישטאָ? מען האָט די שכורטע געכאַפּט. און איך האָב זי איינגעשלאָסען דערפאַר שרייט זי. זי רייסט זיך אַהער.

ב י ט ר י ס. לאָזט זי אַרויס איך מוז זי זעהען. (דינער אָג.
איך בעט דיך דאַניעל לאָז מיך אַליין מיט איהר רעדען
איך בעט דיך לאָז אונז אַליין.

ד א נ י ע ל. איך האָב דיך מורא אַליין מיט איהר צולאָזען
זי איז ווילד.

ב י ט ר י ס. איך בעט דיך... איך בעט דיך...

ד אַ נ י ע ל. גוט ווען דו דאַרפסט מיך בין איך אין 2-טען
צימער. (אָב)

אויפטריט דינער פירט סאָפיען.

ס אָ פ י ע. וואָס ווילט איהר פון מיר? וואָס מאַטערט איהר מיך?...

ב י ט ר י ס. לאָזט אונז אַליין ביטע... (דינער אָפּ)

ס א פ י ע. וואָס ווילן זיי פון מיר וואָס מאַטערט איהר מיך? פאַר
וואָס פערשפארען זיי מיך? איך בין נישט קראַנק... ווער
ביזטו מעדעלע? אה א שעהן שאלעכיל... דו ביזט אַ גוט
שעהן מיידעלע.

ב י ט ר י ס. (גיט איהר דאָס)? (סאפיע וויל זי קושען) ניין ניין
מ'דאַרף נישט... מדארף נישט...

ס א פ י ע. וואו איז דער ד"ר? איז ער אין דער היים נישטא?

ב י ט ר י ט. ניין ער איז נישטאָ.

ס א פ י ע. האב נישט קיין מורא פאַר מיר קום אַהער...

ב י ט ר י ס. וואָס ווילט איהר?

ס א פ י ע. איך בעט דיך טייערע גיב מיר אַביסעל שנאַפּס.

ב י ט ר י ס. (גיט איר בראָנפען) נאַ.

ס א פ י ע. נאָך אַביסעל.. איך האב אויך אַמאָל געהאַט אַ מע-
דעלע דו האסט אַ מאַמע?

ב י ט ר י ס. ניין ניין איך האב נישט קיין מאַמע: איך האב
נישט קיין מאמע...

ס א פ י ע. אַזוי האָסט נישט קיין מאַמע; נעבעך... גיב מיר
נאָך אַביסל.

ב י ט ר י ס. ניין איך וועל אייך מעהר נישט געבען ווייל עס
איז שעדליך פאַר אייך..

ס א פ י ע. גיב גיב...

ביטריס. ניין! ניין!

סאפיע. דו פּאַסקודנע מויד גיב זאג איך דיר דו מוזט.

ביטריס. ניין... (סצענע סאפיע לויפט איהר נאך וויל זי שלאגען).

אויפטריט דאניעל. די פערדאמטע פרוי די שכורטע (ווארפט זי צו דער ערד) זעהסט ביטריס כ'האב דיר געזאגט אז די טארסט אליין מיט איהר נישט בלייבען...

סאפיע. מיין זונדעלע... מיין יונגעלע...

דאניעל. שווייגט איר אונפארשעהמטע. איר וואגט נאך איין ווארט צו רעדען אזוי הייס איך אייך צוריק איינשליסען...

ביטריס. זאָל זי געהן פון דאנען.. זאָל זי געהן.

(סצענע) סאָפיע גנבט, בעהאַלט זיי, לאָזט זיך געהן, פערלירט עפּעס, עס גיט אַ קלאַפּ, וואָס האָסטו דאָרטען?..

סאָפיע. דאָס איז מיינס אַלץ איז מיינס...

ביטריס. (סצענע) גיב עס אַהער.. גיב עס צוריק. וואָס נאָך האָסטו?

סאָפיע איך האָב נישט מעהר.

ביטריס. דאַניעל גיב מיר געלד. (דאַניעל גיט איר) נאַ דאָ האָסטו געלד און געה געה פון דאַנען.

סאָפיע. איי געלד, איך דאַנק דיר דו ביזט אַוואוילינקע אַ גוטישקע די רייכע זענען אַלע גוטינקע. (געהט אַ ב) ביטריס ווייגט שטאַרק.

דאַניעל. ביטריס טייערע קום צו זיך זי האָט נישט דער ווערט דיינע טרעהרען.

ביטריס. דאַניעל, דאַניעל,...

(אויפטריט דינער)

דינער. וואו איז די פרוי? דער הער ד"ר, געהט אַהער!

דאַניעל. זי איז אַנטלאָפען! זאָגט נישט דעם ד"ר קיין איין וואָרט דערפון! (דינער אָב) ביטריס טייערע נו בארוהיג זיך. דער פּאַפּאַ קומט זאָל ער דיך נישט טרעפען אזוי, איך וועל נאָך היינט רעדען מיט'ן פּאַפּאַ. איך וועל אים

דערצעהלען אַז איך האָב שוין אַרויס גענומען פאַ־פירען וועגען אונזער חתונה.

ב י ט ר י ס. דאַניעל באַרעכען וואָס דו טוסט, נאָך דעם ווי דו האָסט אַלעס געזעהן און געהערט?

ד אַ נ י ע ל. אונזין, נאַרעשקייטען. איך גלויב נאָך אַלץ נישט אַז די פרוי איז דיין מוטער...

ב י ט ר י ס. הלואי וואָלט זי נישט געווען מיין מוטער... איך פיהל אָבער אַז זי איז.

ד אַ נ י ע ל. איך לאָז דיך אַליין באַרוהיג זיך (אָב)

ב י ט ר י ס. אוי ווי שלעכט עס איז זיין אָהן טאַטע מאַמע עלענד אַליין ז י נ ג ט (אַ מאַמע אַ מאַמע)

I

הייליג און טייער איז דער חופה טאָג:
ווען דער כלה'ס גליק הענגט אויפ'ן וואָג.
יאָהרען לאַנג וואַרט אַ מיידעל אויף דעם.
און חלומט פון אַ זיסע היים.
פיעל איז דאַן אויך די פרייד
ווען טאַטע מאַמע שטעהן ביים זייט
גרויס—איז דער ווייטאָג גרויס איז די פיין,
טאַטע מאַמע זאָלען ביי דער חופה נישט זיין
געשטאָרבען די ליבסטע פאַר דער צייט
צו פיהרען צו דער חופה נישט דערלעבט די פרייד.
(רעפריי)
אַ מאַמע! אַ מאַמע! ווער איז דען גלייך צו איהר
אַ מאַמע! אַ מאַמעניו! אוי ווי זי פעלט אָהן אַשיער.
דאָס לידעלע פון דעם ציגעלע
דאָס שלאָף ליד ביי דעם וויגעלע
און דאָס פאַטש פאַטש קיכעלעך
דער טאַטע וועט קויפען שיכעלעך
אַ מאַמע וואו ביסטו אַ מאַמע. (אָב) ב י ס

אויפטריט דאַניעל. און יעצט דאַרף מען זיך צו־
גרייטען צו אַ נייעם סקאַנדאַל; איך ווייס גאָרנישט ווי
אַזוי הייבט מען אָהן צו רעדען מיט'ן פּאַפּאַ וועגען דעם...
אי, ווייס איך וואָס איך וויל זאָגען פּאַפּאַ איך האָב
אַרויסגענומען פּאַפּירען איך געה חתונה האָבען וועט ער
איינשטימען איז גוט, ווען נישט... איז טאַקע שלעכט
אָבער איך בין זיכער אז ער וועט איינשטימען. מיין
פּאַפּאַ איז אַ גוטער מענש און וועט מיר נישט שטערן
מיין גליק...

אויפטריט ד"ר פרומקין און דינער, דינער טהוט
איהם אויס און גלייך אָב.

ד"ר פרומקין. ביזט אליין דאַניעל? וואו איז ביטריס?
האָט מיך קיינער נישט געפרעגט?

דאניעל. ניין פּאַפּאַ. אַ חוץ דער קאַליקע פּ. פּסח, איז
קיינער נישט געוועזען. ער האָט עפּעס אַ בריוועלע
געבראַכט פאַר דיר.

ד"ר פרומקין. אַ בריוועלע פאַר מיר ווייז אַהער (נעמט
דאָס בריוועל וויל לייענען).

דאַניעל. פּאַפּאַ כ'האָב דיך עפּעס געוואָלט פרעגען... עה...

ד"ר פרומקין. וואָס איז עה... וואָס עקעסט דו?...

דאניעל. פּאַפּאַ כ'האָב מורא אַז כ'האָב מיך פאַרזינדיגט.
פּאַפּאַ זיי נישט בייז אויף מיר... שלאָג מיך... הרגע
מיך... איך האָב עס פאַרדינט...

ד"ר פרומקין. איך פערשטעה דיך נישט מיין זוהן וואָס
האָסטו עס זיך אַזוי פאַרזינדיגט? נו, רעד שרעקסט מיך...

דאַניעל. פּאַפּאַ דו האָסט מיך ליעב איאָ? דו ביזט דער
איינציקער פּאַפּאַ אויף דער וועלט, וואָס איך האָב ליעב...
נאָר שלאָג מיך הרגע מיך...

ד"ר פרומקין. נו זאג שוין וואס איז געשעהן?

דאניעל. כ'האָב חתונה געהאט!

ד"ר פרומקין. ווען?!!!

דאניעל. היינט...

ד״ר פרומקין. וואס?!!!

דאניעל. איך געריכט!

ד״ר פרומקין. נו און מיך דיין פאפא דארף מען שוין גאר נישט פרעגען?

דאניעל. נו אז דו ביזט געגאנגען חתונה האבען האסטו מיך געפרעגט...

ד״ר פרומקין. נו... נו... אן שפאסען דו האסט דיר שוין צופיל ערלויבט!...

דאניעל - ביין חתונה געהאט האב איך נאך נישט. איך האב נאר ארויסגענומען די נויטיקע פאפירען דערצו...

ד״ר פרומקין. און ווער איז די גליקליכע וואס דו האסט אויסדערוועהלט אלס דיין פרוי?

דאניעל. די שענסטע. די בעסטע. א בריליאנט. א זיסע. א גוטע. א וואוילע... א פיינע... א געטליכער מלאך א... א...

ד״ר פרומקין. נו לאמיך הערען ווער? אפשר קען איך זי אויך?

דאניעל. יא! אונזער אסיסטענטין די שוועסטער ביטריס...

ד״ר פרומקין. ביטריס?!!! דאס זעהסטו מיין קינד האסטו נישט רעכט געטהון. האסט מיך בעדארפט פרעגען פריער. איך האב זי פון א בית-יתומים גענומען צו מיר אין הויז אריין און ביז היינט ווייסט מען ניט ווער איר טאטע מא-מע זענען געווען...

דאניעל. אה פאפא וואס דארפסטו וויסען ווער איהרע עלטערן זענען געווען. איך ווייס נאר אז איך האב זי ליב און זי ליבט מיך.

ד״ר פרומקין. דו ביסט גערעכט מיין קינד. די ליבע וויל נישט וויסען פון קיין יחוס. פון קיין עלטערן. איך האב נישט דערגעגען. ווען איהר ליבט זיך ווירקליך מאך זי פאר דיין פרוי און לעבט אייך גליקליך...

דאניעל. כ׳האב געזאגט אז דער פאפא איז א גוט בוי!.. איך געה זי שוין אריין רופען... (וויל געהן)

ד"ר פרומקין. קום נאר אהער מיין קינד קוק מיר גלייך אין די אויגען אריין. זאָג מיר דאניעל: אפשר האסטו זיך געגען דער ארימע יתומה פארזינדיגט? אין דערפאר מוזטו מאַכען אזא שנעלע חתונה...

דאניעל. איך שווער דיר ביי גאָט אין ביים גייסט פון מיין פארשטארבענע מוטער אז מיין ליבע צו איהר איז ריין אין אהן באפלעקט... (אב)

ד"ר פרומקין. (לייגט בריף) אלבערט! איהר האנטשריפט, גאט וויפיעל עראינערונגען פון דער פערגאנגענהייט מיט פיל חרטה אין מיין הארצען שרייב איך צו דיר די עט- ליכע שורות. דער שקזאל האט מיך ווידער צו זאמענן געטראפען מיט דיר יענעם אבענד אין דיין קאבינעט ווען מען האָט מיך געבראכט א צושלאגענע איך האב דיך דערקענט נאך 19 יאהר ליידען. האָט מיך דער שיקזאל געבראכט אַ צושלאָגענע איך האָב דיך אויך דערקענט נאָך 19 יאָהר ליידען. האָט מיך דער שיקזאל געבראַכט צו דיר אין אַזאַ לאַגע: און שוין פון יענעם אָבענד געה איך אַרום דיין הויז און וויל רעדען מיט מיין זונדעלע: נאָר מען לאָזט מיך נישט צו צו אים. איך וויל זאים זעהן האָטש איין מאָהל רעדען מיט אים. און דאַן וועל איך אַ ענדע מאַכען צו מיין טרויעריג לעבען. שיק אים צו צו מיר. אָדער קום מיט אים איך געפין זיך ביי דער קאַליקע פורים פסח. אין נאָמען פון אונזער אַמאָלי- גע ליבע ביים גליק פון אונזער זונדעלע באַשווער איך דיך מיר צו נעבען די געלעגענהייט מיט אים רעדען... דיין אומגליקליכע סאָפיע... גאָט וואָס זאָל איך טהון? די מוטער פון מיין דאַניעל אַ געזינקענע אַ שיכורטע און יעצט פערלאַנגט זי מיט אים צו רעדען. ניין ער טאָר נישט וויסען ווער זיין מוטער איז ער ווייסט אַז זיין מוטער איז טויט און טויט מוז זי אויך בלייבען פאַר אים אויף עוויג. איך וועל געהן צו איר אַליין. און זאָל זי מיר זאָגען וואו זי האָט אהינגעטהון אונזער מיידעלע איך מוז געהן צו איהר...

ה ו י פ ט ר י ט ד א נ י א ל ב י ט ר י ס (סצענע)
ד״ר פ ר ו מ ק י ן. קומט אַהער מיינע קינדער צו מיר איך וועל
אייך מיין ברכה געבען. קינדערלעך מיינע איהר זענט
ביידע יתומים. דו ביטריס האָסט נישט קיין טאַטען און
קיין מאַמען. און דו דאניעל האָסט נישט קיין מאַמען.
אייערע יונגע הערצער האָבען זיך באהאָפטען מיט אַ ריינער
מיט אַ אמתר ליבע זייט גליקליך. און איר זאָלט קיינמאָל
נישט וויסען אין פילען פון דעם וואָס איך אייער פאָ-
טער וויס און וואָס איך האָב איבערגעלעבט: מזל טוב
דיר ביטריס... און מזל טוב דיר מיין דאניעל מיין קינדעלע...
(סצענע אין טיער בעווייזט זיך סאפיע מורמלעט מיין זינדעלע)

פארהאנג ענדע 2-טער אקט

דריטער אקט

אַ אָרעם צימער ביי פורים פסח אויף אַ בעטעל זיצט סאפיע אָרעם זעהר, מורמעלט עפּעס.

אויפטריט פ. פסח. אָוואַ אַקעלט ב״ר. ב״ר. אוי דאָס לעצ
טע העמד צו פאַרקויפען און אַ גביר זאָל מען זיין און
האָבען אַ גוט פוטער אט האב איך זיי געבראַכט אַ פלע
שיל מילך מיט אַ פעקעל אידענע ביסקוויט.. אוי אַמעריקע גנב.
פערגינט זיך אנאמע געבען אידענע ביסקוויט... אסתר׳ל אסתר׳ל.

אויפריט אסתר׳ל נאַ דאָ האָסטו מילך פאַר אייבעלען..

אסתרל. פאפאלע אייבעלע האָט געוויינט עסען...

פ. פסח. נא גיב אים אַביסעל מילך אין אַ אידענע ביסקוויט...

אסתריל. ביין פאַפעלע מען זאָגט נישט אידענע ביסקוויט —
נאָר יודינא ביסקוויט.

פ. פסח אָט לערענט זיך מיך ענגליש רעדען. איך בין דאָך
לענגער פון דיר דאָ זי לערנט מיך געה מיין קינד...

אסתריל. פאַפעלע איז אַחלום אַ אמתע זאַך?

פ. פסח. ווען אַ חלום מיין קינד זאָל זיין אמת. וואָלטען מיר
דאָך נישט געווען אויף גרויסע צרות. מיר האָט זיך אַמאָל
געחלומט אַז איך בין ראָטשילד...

אסתר ל. ווער איז דאָס אַזעלכער?

פ. פסח. דו ווייסט נישט ווער דאָס איז? אוי אלואי זיין

געלד אויף אונז יודישע קבצנים געזאָגט געוואָרען אהן זיין שאָדען...

אסתריל. און מיר פאַפּעלע האָט זיך היינטיקע נאַכט געחלומט אַזאַ זיסער חלום.

פ. פסח. האָסט אוודאי געטרונקען זיסע טעה.

אסתריל. ניין מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז די מאַמע איז...

פ. פסח. שטיל דערמאָן נישט דאָ איהר נאָמען

אסתריל. פאַרוואָס פאַפּעלע ווערסטו בייז ווען איך רעד פון מיין מאַמען?

פ. פסח. איי קינדעלע מיינס פרעג נישט (וויינט)

אסתריל. דו וויינסט פאַפּעלע...

פ. פסח. נו, נו טראָג אַריין די מילך אייבעלען...

אסתריל. שטענדיק ווען איך רעד פין מיין מאַמע שרייט ער אויף מיר וויינט (אב).

סאפיע. אַ קלוג קינד אייער מיידעלע:

פ. פסח. יאָ די צרות האָבען זי קלוג געמאַכט פאַר דער צייט.

סאפיע. איז איהר מאַמע טויט?

פ. פסח. יאָ טויט! די גוטע נעמט גאָט צו: אָבעל די שלעכטע לעבען. אלואי וואָלט זי טויט געווען. זי לעבט און איך מיט מיינע קינדער מוטשען זיך.

סאפיע. אוועק פון אייך? ווייסט איהר וואו זי איז?

פ. פסח. נו, יאָ גאָ וויים איך אמעריקע: אָט באַגנבעט מען אַ געוועלב. דעדעקטיווס לויפען אַרום. די פּאָליציי לויפט אַרום: מען לויפט און מען שרייט חאַפּט דעם גנב. און דער גנב לויפט אויך און שרייט חאַפּט דעם גנב. און וועמען חאַפּט מען אַ אומשולדיקן. איי אַמעריקא.

סאָפיע. אָן אַמעריקע די גאָלדענע מדינה. וויפעל אומגליקען וויפיל צרות. אין דעם ברויזענדען קעסעל.

פ. פסח. דאָ ווייסט מען נישט עלטערן! קינדער! מען ווייסט נישט ווער ס'איז דער טאַטע ווער ס'זענען די קינדער אַ הפקר וועלט...

סאפיע. און מיין זונדעלע... מיין יונגעלע...

פ. פסח. דאכט זיך אז מיר זענעןביידע אויף צרות אז מיר קרענקען אויף איינע איין די זעלבע קרענק — איהר האט אוודאי אויך געהאט א מאן א לומפ, און ער האט אייך אוועק געווארפען?...

סאפיע. ניין מיין מאן איז געוועהן, אן-עדעלער גוטער מענש. ער האט מיך ליב בעהאט — איך אליין האב מיר מיין לעבען צושטערט...

פ. פסח. אזוי זענען זיי די ווייבער. פריער גאשען זיי, און שפעטער וויינען זיי. איך זאג די מאמעס וואס פארלאזען זייערע קינדער האבען גאר נישט באדארפט געבוירען ווערען... (סאפיע וויינט) נו נו, הערט שוין אויף צו וויינען, איך קען נישט הערען קיין טרעהרען, איך האב א שוואך הארץ... זאגט בעסער איהר האט שוין היינט געגעסען?...

סאפיע. ניין איך וויל נישט עסען איך בין נישט הונגעריק

פ. פסח. אפשר וועט איהר טרינקען א גלאז מילך מיט א אידענע ביסקוויט? אפשר א שטיקעל הערינג מיט ברויט? אפשר א ביסעל שנאפס? (סאפיע אב) א טייער ווייבעל נישט זי עסט נישט זי טרינקט! א וואוילער שידוך אן איהר, (מען קלאפט) קאמין! אוי

אויפטריט בענדזשאמין פרומקין מיט זיין פרוי (דערזעהט זיי אנטלויפט בענדזשאמין כאפט איהם מיטן שטעקען.

בענדשאמין. קאליקע וואו לויפסטו? שטעה!...

פ. פסח. איך... ע... לויף אייך דערלאנגען. א שטוהל. אזעלכע טייערע געסט זיצט כ׳בעט אייך...

בענדזשאמין. מיר זענען נישט געקומען זיצען

פרעגצעלע בענדזשאמין אט דא וואוינט ער? איז דאך טאקע נישט קיין וואונדער וואס ער צאלט מיר נישט קיין דירה געלד ס׳איז דאך א תפיסה א קבר! וויפעל רעכענסטו אים א חודש חא?

בענדזשאַמין. וואָס טויג מיר ווייפּ־ איך רעכען אים אַז ער צאָלט מיר גאָר נישט איך רעכען אים 8 דאָלאַר אַ חודש.

פרעגדזעלע. 8 דאָלאַר אַ חודש? אזוי ווייניג געלד פאר אזעלכע שטובען פאר אַזעלכע פּאַלאַצען איך גיי חלשן. (שלאָפט איין)

בענדזשאַמין. גאַ פרעגצעלע יאַ דיר אַ מאַנדערינקעלע חלש נישט... (סצענע)

פּ. פּסח. מיסטער וואָרשט... איך מיין פּאסטראמע... איך מיין פאַרגעסען דעם נאָמען.

בענדזשאַמין. בענדזשאַמין, פרומקין דזשענטעלמאַן:

פּ. פּסח יאָ יאָ פרומקין, גלויבט מיר אייער געלד איז גוט פּונקט ווי אין באַנק.

בענדזשאַמין. כ'ווייס אַז מיין געלד איז גוט... דיין געלד אָבער טויג נישט.

פּ. פּסח. מיין געלד איז אויך גוט.. נאָר איך האָב עס נישט איך האָב אייער ברודער דעם ד"ר געבעטען, ער זאָל איין בעטען...

בענדזשאַמין. כ'ווייס כ'ווייס, און טאַקע וועגען דעם בין איך געקומען. די ווייסט דאָך אַז איך בין אַ מענש מיט „מושטאַרדע"... אַ פאַבריק?... הייזער?... א ווייב, אַ האַרץ... (סצענע) וויפיל קומט מיר ביי דיר? (סצענע)

פּ. פּסח. איהר מיינט איך האָב עס אויפן קאָפּ.. (סצענע) 1—2—3—4. 4—פּאַסעקלעך 4—חדשים. דעם חודש וואָס איך צאָל דירה געלד מעק איך אַ פּאַסיקל—דעם חודש וואָס איך צאָהל נישט שרייב איך אויך אַ פּאַסעקל—4 פּאַסעקלעך 4—הדשים. איך האָב עס אויפ'ן קאָפּ...

בענדזשאַמין. וואָס מיר פּאַסקלעך—און ווער מיר פּאַסעקלעך, קום אַהער, אָט האָסטו געלד, אַז מיין ווייב וועט זיך אויפּחאַפּען זאָלסטו מיר באַצאָלען מיט דעם געלד דירה געלד זי דאַרף נישט וויסען אַז ס'איז מיין געלד. (סצענע) פערשטאַנען? (סצענע)

פרעגצעלע שטעה אויף פרעגצעלע גאַ דיר אַ מאַנדערינקע

פרענצעלע. (חאַפּט זיך אויף) קום שוין בענדזשאַמין אַ היים.

בענדזשאַמין. וואַרט נאָר צו ער וויל מיר עפּעס זאָגען.

פרענצעלע. וואָס קען ער דיר זאָגען. זעהסט דאָך אַז ער האָט נישט קיין געלד צו באַצאָלען,

בענדזשאַמין. ער האָט... ער האָט... אַ קרענק אויף אים. גו... נו... (סצענע)

פרענצעלע. (שלעפּט אים) קום שוין... קום שוין אַמאָל..

בענדזשאַמין. פּורים פּסח, איך געה דאָך שוין אַוועק האָסט מיר גאָרנישט וואָס צו זאָגען

פ. פּסח. אַ גוטע נאַכט. (פרענצעלע, בענדזשאַמין אָב) נו, דאַנקען גאָט שוין מיין דירה געלד אויך באַצאָלט. (מען קלאַפּט) קאַמין. (אויפטריט ביטריס מיט פּעקלעך) גוט מאנינג:

פ. פּסח. איי וואָס פאַר אַ גאַסט... זיצט...

ביטריס. דאַנקע! דאָ וואוינט איהר? וואָס פאַר אַ עלענד. וואָס פאַר אַנ'אָרימקייט...

פ. פּסח. מיין אסתר'ל וועט זיך דאָס פרעהען.. זי פרעגט אויף אייך יעדען טאָג.

ביטריס. כ'האָב דאָ געבראַכט אייניגע זאַכען פאַר אייך און פאַר אייער קינד.

פ. פּסח. לאַנג לעבען זאָלט איהר אין שפּיטאָל. גאָט זאָל אייך העלפען, איהר זאָלט חתונה האָבען און האָבען האָטש אַ האַלב טוץ לאַלקעלעך.

ביטריס. זאָגט מיר איך האָב געוואָלט זעהן. די פרוי וואָס וואוינט באַ אייך.. קען איך זי זעהן?..

פ. פּסח. אה.. די.. שיכ.. יאָ מיט דעם גרעסטען פערגעניגען, זי איז נאָר וואָס געווען דאָ.. אָט געה איך זי רופען, זי איז מן-הסתם אַראָב געגאַנגען אין גאַס.. אָט געהט זי אַליין. (אויפטריט סאָפיע) מען זוכט אייך די ליידי וויל אייך זעהן.

ביטריס. פּליעס לאַזט אונז אַריין..

פ. פ ס ח. אוי וועט זיך מיין אסתר׳ל פרעהען. (אָב)
ס אָ פ י ע, ווער זענט איהר?
ב י ט ר י ס. ע,. ע.. איך..
ס אָ פ י ע. וואָס ווילט איהר פון מיר?
ב י ט ר י ט. כ׳וויל מיט אייך רעדען—כ׳האָב אייך געבראַכט
אייניגע זאַכען,
ס אָ פ י ע. פאר מיר? איך דאַנק דיר.. דו ביזט אַ גוט מעדעל׳ע
ב י ט ר י ס. (אפארט) ווי? איז דאָס מעגליך אז איהר מוטער הערץ פיהלט נישט אַז איר קינד שטעהט לעבען איהר? איז דאָס מעגליך אַז די פרוי וועלכע—האָט מיר דאָס לעבען געגעבען, דערקענט נישט איהר אייגען קינד? (היסטעריש
מאַמע!. מאַמע!.
ס אָ פ י ע. וואָס רופסטו מיך מאַמע?. איך בין נישט דיין מאַמע. איך האָב אַמאָל געהאַט אַ מעדעלע אָבער ס׳איז געשטאָר. בען—א שעהן מעדעלע געוועהן! געשטאָרבען...
ב י ט ר י ס. געשטאָרבען!.. זאָגט מיר ווי אַזוי האָט עס פּאַ סירט? זאָגט מיר! דער צעהלט מיר!
ס אָ פ י ע. איי וואָס קען עס אייך אינטערעסירען.. ס׳איז נישט אַזוי וויכטיג.
ב י ט ר י ס. דאָס איז זעהר וויכטיג.. פערשטעהט דאָך. דאָ האַנדעלט זיך וועגען מיין גליק.. וועגען מיין לעבען איך האָב ליעב און פאַרגעטער.. ווי קענט איר איבערצייג׳ען אַז אייער קינד איז טויט?..
ס אָ פ י ע, וואָס הייסט? איך האָב עס אַריינגעגעבען אין אַ בית־יתומים און אין אַ קורצער צייט אַרום ווען איך בין געקומען אַהין האָט מען מיר געזאָגט אַז ס׳איז געשטאָר־בען, טויט און אַראָב פון מאַרק.
ב י ט ר י ס. אוי ווען דאָס זאָל אמת זיין? ווען איך זאָל מיט זיכערהייט קענען זאָגען. ניין זי איז נישט מיין מוטער. יאָרען לאַנג האָב איך געבענקט געוויינט און געזוכט מיין מוטער.. און יעצט דאַרף איך בעטען אַז מיין מוטער זאָל זיין טויט.. (וויינט) ניין נאָך אַזאַ מאַמע איז נישט ווערט

צו ווינען.. אזא מאמען דארף מען ארויסרייסען פון האר-
צען.. ניין דאניעל מיין מאמע איז טויט..
(לאזט זיך געהן צו דער טיר באגעגענט זיך מיט'ן ד"ר
פרומקין).

ד"ר פרומקין. ביטריס דא? וואס טוסטו דא? .. א? ..

ביטריס. ענטשולדיגט ד"ר איך בין געקומען באזוכען די
ארימע פאמיליע און פאר זיי אייניגע זאכען געבראכט...

ד"ר פרומקין. אה זעהר שעהן. געהט אהיים, דאניעל ווארט
ביי מיר אין קאבינעט.

ביטריס. אלרייט גוט ביי. (אב)

ד"ר פרומקין. וואס האט איהר מיך גערופען? וואס פער-
פאלגט איהר מיך? נאך 19 יאהר ליידען האט איר זיך
אבגעזוכט און איהר ווילט אויפרודערין דעם אמאליגען
ווייטאג. די אמאל'גע שאנדע. 19 יאהר איז פאריבער זייט
איהר זענט אוועק פון מיין הויז און מיך צו שאנד גע-
מאכט פאר אלע מענשען פאר דער גאנצער וועלט פארלאזט א
הויז מיט אלעס גוטס א מאן וועלכער האט איהר געליבט ווי
דאס גאנצע לעבען. און אוועק מיט א ליב-האבער מיט... און
אט נאך 19 יאהר בעגעגנען מיר זיך מיט אייך מאדאם—און
ווי? גוט שעהן!...

סאפיע. דו קענסט יעצט טרומפירען... דו האסט א רעכט
צו נעמען נקמה.

ד"ר. פרומקין. ניין נישט נקמה, נאר מיטלייד האב איך
אויף אייך: וויל איהר זענט אביישפיל פאר דער וועלט
און איהר זענט שוין אבגעקומען פאר אייער פעהלער! נאר
ווי קען מען אזוי טיעף זינקען? ווי קען מען זיך אזוי
נידריג אראבלאזען?

סאפיע. יענעם טאג ווען איך בין אוועק פון דיין הויז האט
האט מיך מיין פארפירער אוועקגעפירט נאך פילאדעלפיא
און איך בין געצווינגען געווען מיין מיידעלע דא אוועק-
צוגעבען אין בית-יתומים אזוי האט ער פון מיר פארלאנגט
נאך דעם האט ער מיך פארפירט נאך בוענאס-איירעס דארט

בין איך געוואָהר געוואָרען צו וועמען אין די הענד איך בין אריין געפאַלען, אין אָנפאַנג האָב איך געקעמפט און זיך געוואָלט אַרויס רייסען פון דעם נעץ אין וועלכען איך בין געוועהן געפאַנגען. נאָר אומזיסט... איך בין געזינקען וואָס אַמאָל נידריקער און נידריקער... און אַזוי זענען פאַר־איבער פיל יאָהרען: ביז איך האָב זיך אַרויסגעריסען און אַ צובראָכענע אַ קראַנקע זיך געשלעפּט צוריק אין ניו־יאָרק איך בין אַוועק אין בית־יתומים זעהן וואָס מיין מיידעלע מאַכט און דער אויפזעהער האָט מיר געזאָגט!

ד״ר פרומקין. שנעלער זאָג וואָס איז ניט אונזער מיידעלע?

סאָפיע. טויט!... זי איז קראַנק געוואָרען אין בית־יתומים און איז געשטאָרבען אַזוי האָט מען מיר געזאָגט... איך האָב פאַר יסורים נישט געוויסט וואָס צו טהון... איך האָב מיך וואָכען לאַנג אַ הונגעריקע אַ צובראָכענע אַרום געדרעהט אַרום דיין הויז. איך האָב אָבער מורא געהאַט דאַמאָלס זיך צו ווענדען צו דיר נאָך הילף... איך האָב געוואוסט אַז דו וועסט מיר קיינמאָל נישט מוחל זיין. איך האָב ווייטער געפירט מיין אויסגעלאַסען לעבען... דערצו האָב איך נאָך אָנגעהויבען טרינקען... כ'האָב געוואָלט פערטרינקען די צרות די חרטה אין האַרצען, איך האָב געטרינקען ווען כ'האָב געהאַט, און געגנבט ווען כ'האָב נישט געהאַט, און אַזוי בין איך געזינקען. וואָס אַמאָל נידריקער און נידריקער (וויינט שטאַרק)

ד״ר. פרומקין. אונזער מיידעלע טויט.. נו זעהסט וואָס אייער לייכזיניקייט מאַכט.. איהר צושטערט אייערס און אונזערס לעבען.. איהר ברענגט צוליב אייער לייכטזיניקייט.. פאַר אַ קרבן אייערע קינדער.. אייערע מענער וועלכע ליבען אייך.. איין טרייסט איז מיר דאָך געבליבען מיין דאַניעל.

סאָפיע. דאַניעל! אונזער זונדעלע.. מיין יונגעלע.. איך וויל אים זעהן, מיט אים רעדען. אים צו מיין האַרץ דריקען..

ד״ר. פרומקין. ניין דאָס נישט דאָס איז אונמעגליך. ער דאַרף נישט וויסען ווער זיין מוטער איז, ער ווייסט אַז זיין מו־

ער איז טויט...

סאפיע. טויט!?...

ד"ר פרומקין. יאָ! טויט! דען ווען א פרוי ווארפט אוועק איהר מאַן, איהר הויז איהר קינד, צושטערט דעם פאמיליען לעבען. אין וואלגערט זיך אין רינשטאק. אין ווערט א שכורטע א גנבטע. האָט זי נישט דאָס רעכט צו פרעטענדירען צו זיין א מוטער. יאָ טויט דארפסטו זיין פאר איהם... מיר האָבען נישט קיין רעכט זיין לעבען צו צושטערען. ער ליבט אין ער געהט די טעג חתונה האָבען...

סאפיע. חתונה האבען?...

ד"ר פרומקין. יא דאס פרויליין וועלכע איז נאר וואס דא געוועהן איז די גליקליכע וועלכע ער האט זיך אויסגעוועהלט.

סאפיע. איך בעט דיר אלבערט. ערלויב מיר צו זיין אויף דער חתונה. איך וועל שטעהן פון דער ווייטענס אין בענשען מיין זינדעלע!

ד"ר פרומקין. ניין! קיינמאל נישט. איך קען דיר דאס נישט ערלויבען... דו וועסט זיך נישט קענען בעהערשען. און דאן וועט זיין גליקליכע חתונה טאג ווערען זיין אונגליקליכסטער טרויער טאג...

סאפיע. איך וועל קענען... איך וועל זיך קענען בעהערשען. זעה ביי דיינע פיס ליג איך אין בעט דיך לאז מיך שטעהן. כאטש פון דער ווייטענס און זעהן מיין קינד געהן צו דער חופה. איך באשווער דיך ביי דאניעלס גליק. ערלויב מיר.

ד"ר פרומקין. אוי גאט וואס זאל איך טוען, איך קען איהר נישט אבזאגען. וועסט מעגען קומען...

אויפטריט פורים פסח. אוי ד"ר לאנג לעבען זאלט איהר,.. גוט וואס איהר זענט דאָ... אפשר האט איהר א פאר קליינע סענט איך דארף אריינצווווארפען אין גאז..

(ד"ר גיט אים קליינגעלד)

ד"ר. פרומקין. וואָס מאַכט אייער אײבעלע?? ..

פ. פסח א דאַנק! שוין געזונט געוואָרען... ער האָט נישט געוואָלט אייך מטריח זיין האָט ער גענומען און איז געזונט געוואָרען...

ד"א פרומקין. און וואָס מאַכט אייער מיידעלע?..

פ. פסח. וואָס זאָל זי מאַכען געהט אַרום און האַלט אין איין פרעגען, וואו איז איהר מאַמע? גלייך ווי איך זאָל וויסען וואו זי איז. זאָג איך איהר קינדעלע דיין מאַמע איז טויט... נאָר זי וויל נישט גלויבען, אָט אַ פנים צו איהר יונג הערצעלע פילט שרייט וואו איז מיין מאַמע?!!

ד"ר פרומקין יאָ אומגליקליכע יתומים געהן אָרום און פרעגען וואו איז אונזער מאַמע" און אַלטע צובראכענע טאַטע מאַמע געהן ארום און פרעגען „וואו זענען אונזערע קינדער"

ד"ר זינגט: וואו זענען אונזערע קינדער.

1

דאָרט זיצט זיך אַנ'אַלטיטשקע מאַמעניו גאַנץ אַליין,
און פערגיסט טרערען אַ טייך,
עלענד געבליבען איז זי נעבעך ווי אַ שטיין
און געהאַט האָט זי קינדער אַ סך
זי האָט זיי ערצויגען מיט טרערען מיט וועה
איהר חיות איהר לעבען זיי אָבגעגעבען
מיט מענשען צו גלייך געמאַכט האָט זי זיי
ערפילט איז איהר ציל און איהר שטרעבען
עס לויפען די יאָהרען מיט זיי אויך די צייט
דער שיקזאַל פערטריבען די קינדער האָט ווייט
איינער אין האַנדעל דער צווייטער אין וואַנדעל
אַ יעדער פאַר זיך זוכט זיין אייך.
און אַצינד פון ווייטען בלינד.
זיצט די מאַמע שטיל גיסט טרערען פיל
וויינט נעבעך און רופט גאַנץ שטיל.

(רעפריין)

וואו, וואו זענען מיינע קינדער) בים

אָ ווייט ווייט זעהר ווייט זענען זיי אַצינד,
וואו וואו זענען מיינע קינדער:!
וואו וואו זענען זיי?

II

פורים פסח.
אויך דאָרטען אין רוסלאַנד וואָס האָבען מיר יעצט דערלעבט
צרות פאר יעדען באזונדער
אין דעם יאָהר, הונדערט ווער וואָלט זיך דאָס געגלויבט
פאָגראָמען אויף עלטערן און קינדער
געהאַט האָט אַ טאַטע נאָר זונדעלעך צוויי
געהאָדעוועט ערצויגען ווי זיינע צוויי אויגען
דער שטאָלץ ביי דעם טאַטען געוועהן זענען זיי
אין דער מלחמה אַוועקגעשיקט זיי ביידען
געפאַלען זענען ביידע אויף דעם שלאַכט פעלד
פאַר פרייהייט פון פעלקער אַ קרבן דער וועלט
דער טאַטע אַליין ער ווייסט נאָך נישט גיין
ער האָפט נאָך זיינע קינדער צו זעהן.
ער וואַרט און וואַרט ער ווערט בלינד און דאַרט
ער ליידט רוהיג שטיל גיסט טרערען פיל
ווייגט נעבעך און רופט גאַנץ שטיל
רעפריין
(ביס) וואו וואו זענען מיינע קינדער א. ז. וו.
(סצענע ווערט דונקעל עס בעווייזט זיך אַ טאַטע מיט קינדער
זינגען רעפריין

פארהאנג

ענדע דריטער אקט

פירטער אקט (4 טעס בילד.)

א גאס וואס פירט צום ד"ר פרומקין א באנק לעבען לאמטערנע
אויפטריט בענזשאמין, פרענצעלע

בענזשאמין. נו קום שוין אמאל פרענצעלע מיר וועלען דאך די חופה פארשפעטיגען. געזעהען א מאל נישט צו באקומען א אויטאמאביל אויף צו להעבים.

פרענצעלע. אוי בענזשאמין איך האב נישט קיין כח איך געה חלש—ן.

בענזשאמין. ווארט פרענצעלע וועסט שוין חלש—ן ביי דער חופה אוי פרענצעלע פרענצעלע א מאל ביסטו גע-ווען ווי א הארט שטיק פאסטראמע... נו קום שוין נו קום שוין אפשר וועלען מיר באקומען א אויטאמאביל. (געהן אב)

אויפטריט פורים פסח, אסתר'ל און סאפיע

פסח. קומט, קומט שנעלער מיר וועלען שוין דארפט זיך קומען נאך דער חופה.

סאפיע. איך וועל נישט געהן, איך האב מורא איך וועל מיך נישט קענען באהערשען, און אויסשרייען מיין דזשיזאף (וויינט)

פ. פסה. איהר ווײנט שוין ווידער? גוואלד וואו נעמען די
די ווײבער אזוי פיל טרערען. פאר פרישטיג טרעהרען
פאר מיטאג טרעהרען; בײנאכט טרעהרען. ס'איז יא וו
מען זאגט: „בײן מאס רײד" און אכצען מאָס טרעהרען,
נו קומט שוין.

סאפיע. געהט אַלײן איך וועל נישט געהן.

פ. פסח. מען האָט דאָך אײך געהײסען קומען—טא קומט זשע.
ס'וועט זײן דאָרט וואָס צו זעהן, און טאַקע וואָס צו עסען.
איך האָב שוין אַ טעלעגראַמע בעקומען אַז איך בין הונ-
געריג איך וואָלט יעצט אויפגעגעסען אַ גוטע וויעטשערע.
פאָלגט מיך און קומט מיט אונז.

סאָפיע, איך זאָג דאָך אַז איך קאָן נישט געהן: געהט אַלײן
איך וועל דאָ זיצען, איך וועל וואַרטען אויף אײך.

פ. פסח. נו מילא אז איר ווילט נישט וועלען מיר אלײן געהן
קום אסתר'ל מיר וועלען דאָך צו ליב איהר די וויעטשערע
נישט פארשפעטיגען, — אויב איהר וועט ווארטען וועל איך
אײך מיט ברענגען עפעס פון דער חתונה, נו מען דארף
זיך צו אײלען. (בײדע אָב)

סאָפיע. מײן דאניעל מײן זונדעלע געהט יעצט צו דער חופה.
און איך זײן מאמע בין פאר אים טויט איך עקזעסטיר גאָר
נישט איך לעב אין האב גישט דאס רעכט זיך צו פרײען
מיט מײן קינדס גליק. קען דען עמיצער יעצט פילען מײן
ווײטאג? קען דען ווער וויסען וואס עס קומט פאר אין מײן...
אין מײן צובראכען הארץ. איך פיהל ווי די כוחות פער-
לאזען מיך. איך וויל אים זעהן, נאר אײנמאל אקוק געבען
אויף אים און שטארבען... אוי ווי וואלט איך געוואלט
יעצט אויסגעהן, בײ זײן טהיר- א ענדע מאכען. פון מײן
טרויריגעס לעבען. (ווײנט)

אויפטריט מ"ר זאלקינד, ווער ווײנט עס דאָרטען?
געוויס א אָרימע. (וויל איהר אַ נדבה געבען זי וויל נישט נעמען
וואָס איז אײך פרוי וואָס ווײנט איהר?...

סאָפיע. פאַר וואָס איך ווײן? צי קענט איר נאָך געפינען אַ

גלייכען צו מיין אומגליק? איהר הערט איך בין שטיל: איך לעב און איך מוז זיין טויט—טויט פאר דעם—וואס איך ליב מעהר ווי מיין לעבען.

זאַלקינד. די פרוי איז מיר עפעס זעהר בעקאַנט... זאָגט מיר נאָר, זענט איהר נישט געקומען, אין בית־יתומים צו מיר מיט יאָהרען צוריק, און זיך נאָכ׳געפרעגט אויף אַ מיידעלע וועלכעס איהר האָט מיט יאָהרען צוריק אַריינגעגעבען?

טאָפּיע. נישט אויף מיין מיידעלע וויין איך... דאָס איז שוין זעהר לאַנג צוריק געוועהן. איך האָב מיין מיידעלע אַריין געגעבען אין אַ בית־יתומים—און ווען איך בין געקומען זיך פרעגען אויף איהר האָט מען מיר געזאָגט אַז ס׳איז געשטאָרבען.

זאַלקינד. יאָ דאָס איז די פרוי... איהר דערקענט מיך נישט? דאָס בין איך דאָך דער אויפזעהר פון בית־יתומים וואו איהר האָט אייער קינד אַריינגעגעבען... זייט וויסען, אַז אייער טאָכטער לעבט.

טאָפּיע. איך בעט אייך מאַכט נישט קיין שפּאַס פון אַ אונגליקליכע. מען האָט דאָך מיר געזאָגט דאָרט אַז זי איז געשטאָרבען.

זאַלקינד. יאָ איך אַליין האָב עס אייך אַזוי געזאָגט; ווייל אין דעם צושטאַנד, אין וועלכען איהר האָט זיך דאַמאָלס געפונען האָבען מיר אייך נישט געקענט געטרויען אייער קינד, און דעריבער האָב איך אויסגעטראַכט דעם אויסרייד..

טאָפּיע. הייסט עס אַז מיין קינד לעבט—איהר שפּאַסט נישט, זי לעבט, איהר ווייסט וואו זי געפינט זיך? פירט מיך צו איהר.

זאַלקינד. נו געוויס. וועל איך אייך יעצט פיהרען צו איהר און איך וועל זיין דער גליקליכער איהר אַזאַ מתנה צוריק געבען אין איהר גליקליכסטען טאָג פון איהר לעבען.

טאָפּיע. וואָס מיינט איהר?

זאַלקינד. זי געהט היינט צו דער חופּה מיט דעם זוהן

פון דעם בעוואוסטען ד״ר אַלבערט פרומקין דאַניעל פרומקין.
סאָפיע. (שרייט אויס ניין, ניין דאָס קען נישט זיין
דאָס טאָר נישט געשעהן!... פירט מיך שנעלער אַהין איי.
דער ס׳ווערט שפעט, זיי טאָרען נישט חתונה האָבען.
זיי זענען שוועסטער און ברודער. (שרייט) (ביידע אַב)
(אויפטריט פורים פסח)
פ. פסח. איך קען אַליין אָהן איהר נישט געהן; אָבער וואו,
איז זי מיין מזל אַלע ווייבער געהן מיר פערלוירען—אוי
גאָטעניו איז היינט אַוועלט מיט וועלטלעך.
זינגט אַ וועלט מיט וועלטעלעך

I

די גאַנצע וועלט איז פול להכעיס: רייך אין צרות
קאַרג אין נחת,
האָט מען דען אַמאָל אזוינס געזעהן.
פריעהערדיגע צייטען צוריק מיט יאָהרען ליגען מיר נאָך
אין זכרון,
ווען איך פלעג אין חדר אַריין געהן.
דער רבי פלעגט ביים טיש זיצען. מיט די תלמידים
לערנען, שוויצען.
די רבי׳צן פלעגט נאָר אין קיך זיין.
היינט געהט די רבי׳צן אַרום שפּאַצירען און די שיק-
סע הייסט מען די קיך פיהרען
דער רבי ווערט פערבלאָנדזשעט גלייך אין קיך אַריין.
די תלמידים פאַרשטייען דעם תון,..
און זיי קוקען אַריין דורך דעם שליסעל לאָך...
רעפריין
(ביס) ס׳איז היינט אַ וועלט מיט קליינע וועלטעלעך,
שטאַרק פאַרקרוטשיעט און פאַרדרייט
און מען שפּילט זיך אין באַהעלטעלעך
זעהענדיג זעהענדיגער הייט.

II

…אַל איז אַלט גווּר אָן אַ שיער אַ יונג ווייבעל האָט ער גאָר

און זי האַלט אַ רויטען בחור אויף קוואַטיר
דער רויטער וואַרפט אייפן ווייבעל אַנ'אויג
און זי פאַרשטייט אַז דער בחור טויג. דאָס איבערי-
גע מערקט אייך שוין אַליין
אַוועק זעגען אַ חדשים 8. און זי איז געוואָרען נישט
פאַר אייך געדאַכט.
און דער אַלטער מיינט אַז דאָס איז ער דער כוואַט.
און ער האַלט זיך איין רימען, אוי וועל איך
האָבען אַ בן-זקונים
נאָר הערט וואָס ס'האָט זיך דאָרטען פלוצלינג געמאַכט
דער אַלטער איז געוואָרען בלאַס און טויט...
ער האָט דערזעהן אַז דאָס קינד איז גאָר רויט...
ר ע פ ר יי ן ס'איז היינט אַ וועלט א. ז. וו.

III

אמאָליגע צייטען צוריק מיט יאָהרען: פלעגט מען צו
אַ רבין פאָהרען

וועגען קינדער און צוליב געזונד.
ליכט געבענשט און חלות גענומען און פון דער מקוה
אַהיים געקומען.
אויף אַלע גוטע פריינד געזאָגט געוואָרען אַצינד.
היינט האָט דער רבי אויפגעהערט—און די מקוה האָט קיין
ווערט

היינט האָט אַ מקוה יעדער אין דער היים.
זומער טוען די ווייבער אין די בעדער פאָהרען
און אַ יונגער דאָקטער טהוט זיי קורירען.
געהאָלפען קומען זיי צו פאָהרען נאָר פון איהם אַליין
דער מאַן הייבט אָן פרעגען פון וואַנען און פון וואָס.

דער ענטפער איז היינט אָט אַדאָס...

רעפריין ס'איז היינט אַ וועלט מיט קליינע וועלטעלעך א. ז. וו.

פערוואנדלונג

א זאַל ביים ד"ר פרומקין אַלץ צוגעגרייט צו אַ חתונה געסט חופה אַלס באַל מעסיק אַלע אויף דער בינהע אויסער סאָפּיע זאַלקינד

ד"ר פרומקין אונטער דער חופה. קינדער מיינע אין דעם היינטיגען טאָג ווערט איהר פאַראייניגט אויף עוויג זאָל גאָט אייך געבען פיל גליק אין אייער ביים לעבען, זאָל דער וועג אויף וועלכען איהר הייבט היינט אָן טרעטען, זיין אַ גלייבער אָהן דערנער. זאָל אויף דעם בוים פון אייער לעבנס גאַרטען וואקסען גלייכע צווייגען אויף נוצ-ליכער פרוכט... קינדער מיינע איהר זענט ביידע יתומים דו ביטריס מיין קינד האָסט נישט די זכיה אַז דיינע על-טערען, זאָלען דיך צו דער חופה פיהרען. זיי זענען ביידע אויף דעם עולם האמת... און קאָנען נישט זייער טאָכטער צו דער חופה פיהרען. אויך דיר דאַניעל פירט נישט דיין מוטער—זי איז טויט... און יעצט ווען מיר שטעהן דאָ אונטער דער חופה—ווילען מיר ערפילען די טראַדיציע וועלכע מיר האָבען פון אונזערע און עלטערען דערמאָנען די וועלכע האָבען בעדאַרפט זיין דאָ... נאָר גאָט האָט זיי צוגענומען פאַר דער צייט... חזן מאַכט איין אל מלא רחמים, דעם חתנ'ס פאַרשטאָרבענע מוטער.

(חזן הייבט אָן מאַכען אַ אל מלא רחמים סאָפּיע שרייט און קוויטשען)

סאָפּיע. (דרויסען) האַלט איין—האַלט איין—

אויפטריט מיט זאַלקינדן

סאָפּיע. האַלט איין די חתונה טאָר נישט זיין! ווייל חתן כלה זענען שוועסטער און ברודער.

אַלע. עס קען נישט זיין עס איז אונמעגליך.

ד"ר פרומקין. מיט וואָס קען מען עס באַווייזען—ווער זאָגט עס?

ז א ל ק י נ ד. איך דער אויפזעהער פון בית-יתומים, זייט וויסען דאָקטאר אַז אייער פערלוירען קינד לעבט און איז נישט קיין אַנדערע ווי ביטריס.

אַלגעמיינע איבעראַשונג (ביטריס פאַלט אין אַנמאַכט (פאפאַ! פאַפאַ!

ד אַ נ י ע ל (פאַלט צו, צו דער מוטער) מיין מאַמעניו! מיין מאַמעגיו...

ד״ר. פ ר ו מ ק י ן. איך דאַנק דיר גאָט וואָס דו האָסט נישט דערלאָזט צו אַזאַ גרויסע זינד. ביטריס מיין אָרעם מיידעלע (וויינט)

ב י ט ר י ס. איך פיהל יעצט דיין הארץ—פאַפאַ צוליב דיינע קינדערס גליק, פערגיב אונזער מוטער, זעה ווי געשטראָפט זי איז, ווילסטו אז דיינע קינדער זאָלען בלייבען לעבעדיגע יתומים.

ד״ר. פ ר ו מ ק י ן ניין קינדער מיינע, מען זעהט דאָך, אַז גאָט אליין האָט אזוי געפירט אין דעם טאָג וואָס כ׳האָב געפונען, מיין מיידעלע און האָב מיינע קינדער לעבען זיך. בין איך מוחל אלעמען. קום סאָניע און זיי א געטרייע מוטער צו דיינע קינדער (אומארמונג).

ב. פ ס ח. נו איז עס נישט אמעריקא גנב? שוין באלד געהאלטען ביים .. עסען און פלוצלינג שוועסטער און ברודער— כ׳זאָג דאָך אייך אמעריקא גנב. דאָ איז אלעס מעגליך— זינגט רעפריין אמעריקא גנב
אלע ווידערהאָלען.

ע נ ד ע

ר. מאַנדעלבוים
(מארסאלאָה)

PRINTED in POLAND